מוטער14/02/2019

אנווייזונגען פֿאַרן בקשה פארמולאר פאר מוטער-שפראך למוד

## וועגן געבוירענע שפּראַכן און מוטער צונג למוד

מוטער-שפראך למוד איז אַ פרייוויליקע און פרייע שולע-לער  וואָס איז געליפערט אחוץ געוויינלעכע לערן-שעהן און איז כולל מיינונגען. מוטער-שפראך למוד איז פארגעלייגט אינעם פאר-שולע קלאַס, ערשטיקער שולע, ספעציעל-באדערפענישן ערשטיקער שולע, אויבערשטער צווייטיקער שולע און ספעציעל-באדערפענישן אויבער-שולע פון צווייטיקן ראנג.

על-פי דעם ציבור-בילדונג געזעץ, דער Språkcentrum Mölndal פארלייגט מוטער-שפראך לערנען די תלמידים וואָס

- האבן כאטש איין אפוטרופוס וואס רעדט דאס באטרעפנדיקן לשון ווי מאמע-לשון
- ניצט דאס לשון אין טעגלעכער אינטעראקציע אין שטוב און
- באזיצט אַ גרונט-וויסן פון דער שפּראַך.

פֿאַר תלמידים וואס זענען שייך איינער פון די נאציאנאלע מינדערהייט-גרופּעס, עס איז ניט אַ פֿאָדערונג אַז די שפּראַך איז   גענוצט דורכן תּלמיד אין זיין טעגלעכער בילדונג אין שטוב אָדער אַז דער תּלמיד האט אַ גרונט וויסן פון דער שפּראַך.[1] אנגענומענע קינדער האבן אפּציע פון בילדונג אין אַ שפּראַך אויסער   שוועדיש אויב זיי האָבן אַ גרונט-וויסן פון דער באטרעפנדיקער שפּראַך, אַפּילו אויב די שפּראַך איז נישט גערעדט אין דער היים. די-א רעגעלונגען גילטן אויך וועגן ניט-באגלייטע מינדעריעריקע.

די לאנדעס-שפראכן לערערס, נאך באראטונג מיטן שולע-דירעקטאר, וועלן באַשטימען צי אַ תּלמיד האט אַ גרונט-וויסן פון אַ באַזונדערער שפּראַך און צי מע האט די געהעריקע באדינגונגען צו דערגרייכן די צילן אינעם מוטער-שפראך למוד מאטעריע-לערפלאן.

כאטש פינף תלמידים מוזן ווילן בילדונג אין דער זעלביקער שפּראַך בכדי מוטער-שפראך לערנען זאל ווערן אָרגאַניזירט אין דער שטאט-פארוואלטונג, מיטן אויסנאַם די מינדערהייט-שפראכן. כדי צו שאפן גרופּעס פון כאטש פינף תלמידים,   כלל-קלאסן זענען צוזאמענגעשטעלט מיט תלמידים פון פאַרשיידענע שולן און אין פאַרשיידענע עלטער. מוטער-שפראך לערנען קען זיך אנהייבן בלויז אויב עס איז מעגלעך צו אָננעמען אַ פּאַסיקן לערער.

## וויכטיקע אינפֿאָרמאַציע פֿאַר בקשה-אַנווענדערס

- אויב דער תלמיד האָט צוויי אפוטרופוסים, די חתימות ווערן  פארלאנגט פון ביידע אפוטרופוסים ביים אנווענד.
- דאס בקשה-אנווענד איז מחייב און אנווענזנהייט ווערט פארצייכנט אט ווי פאר אנדערע לער-מאטעריע. אויפנאנדער-פאלגענדיקע ניט-דערלויבטע אפוועזנהייט מערערע מאל וועט גורם זיין אן אויסווייז.
- נייע בקשה-אנווענדונגען זענען באארבעט אין משך דעם לויפיקן יאר און תלמידים קענען ווערן צוגעטיילט פלעצער אין עקזיסטירנדע גרופּעס אויב ס'איז מעגלעך.
- מוטער-שפראך למוד ווערט פארגעלייגט בלויז אין איין שפּראַך פער תּלמיד.
- אפווייזונג ווערט געטאן מיטן באזונדערן פארמולאר. אויב סע זענען פאראן צוויי אפוטרופוסים, איז די חתימות פון ביידע זענען נייטיק

[1] גילט לגבי פיניש, יידיש, מעאנקיעלי, ראמאני טשיב, און סאמ

**באזוך-אדרעס:** Språkcentrum Mölndal, Nämndemansgatan 3, vån4 **פּאָוסטאַל אַדרעס:** Mölndals stad, 431 33 Mölndal
**טעלעפאן:** 031-315 20 47 **בליץ-פאסט:** tanja.bozic@molndal.se